זאגט דער רמב"ם, אז דאס זענען די זיבן ברכות, די תפילות ערבית, שחרית און מנחה. די תפילת המוספין של ראש השנה, אה, פון ראש השנה, ער זאגט אז **ראש השנה איז איין יום טוב וואס די תפילת המוספין האט אן אנדערע אמאונט פון ברכות, ווייל די מיטלסטע איז צוזאמגעשטעלט פון דריי ברכות: מלכיות, זכרונות, שופרות.** זאגט דער רמב"ם, ממילא קומט עס אויס ניין ברכות. ער זאגט וועלכע ניין ברכות? **שלש ראשונות און שלש אחרונות של כל יום**, די מגן אברהם, מחיה מתים, הקל הקדוש, און די וויטערדיגע הודאה. **און אינמיטן איז דא דריי. וועלכע דריי? שלש ראשונות און מעין צוואות ענינא**, די ענינים פון וואס מ'בעט, די פסוקים איז צוזאמגעשטעלט פון די זאכן וואס מ'רעדט, **מלכיות, שנית זכרונות, ושלישית שופרות.** סאו די מיטלסטע ברכה איז צוזאמגעשטעלט פון דריי, פון מלכיות, זכרונות, שופרות, ממילא איז עס א תפילה פון ניין. **חותם כל אחת מענינה**, אויך די חתימה פון יעדע ברכה איז נישט נאר די ענינא, ענינא מיינט די נוסח התפילה און די פסוקים וואס מ'ברענגט. די חתימה איז **"מלך על כל הארץ"** איז די ערשטע, און **"זוכר הברית"**, און אזוי וויטער, **"שומע קול שופר"**.

### תפילות יום כיפור (הלכה ז)

## Speaker 2:

וואס איז מיט יום כיפור?

## Speaker 1:

מתפלל חול תפלה, מחומש תפלה, מחומש תפלה, שבע ברכות. יום כיפור האט פינף, ווייל ס'האט אויך נעילה. יא. וואס מ'האט שוין גלערנט אין א פריערדיגע פרק.

ס'איז דא א באזונדערע תפלה, **שלש ראשונות, שלש אחרונות, אמצעות מעין היום.** די מיטלסטע איינס, יום כיפור האט איין לאנגע מיטן. **חותם במלך על כל הארץ מקדש ישראל ויום הכפורים.** אויך דא מלך על כל הארץ, יום כיפור, אינטערעסאנט.

## Speaker 2:

אה, אזוי ווי מ'זאגט א מלך המשפט גאנץ עשרת ימי תשובה, וועלן מיר זען באלד.

## Speaker 1:

אויב ס'איז שבת, ווארט, מ'זאגט מקדש השבת וישראל ויום הכפורים. אה, **מלך על כל הארץ מקדש השבת וישראל ויום הכפורים.** זייער א לאנגע חתימה, איך מיין אז דאס איז די לענגסטע. אונז מאכן מיר עס אפילו די ניגון, אונז זאגן אפילו מלך על כל הארץ, מ'מאכט אפילו א ניגון אויף דעם, רייט? ווי זאגט מען יום כיפור, מ'מאכט אפילו א ניגון אויף די חתימה? מלך על כל הארץ. יא.

### תפילת יום כיפור של שנת היובל (הלכה ח)

## Speaker 1:

איז דאס איז אלעס יעדע יאר יום כיפור. אבער מ'דארף וויסן אז איינמאל אין פופציג יאר איז דא אן אנדערע סארט תפלה. אויך יאר צו יאר צו שנת היובל, וואס מיר האבן שוין געלערנט פריער אין די מצוות, אז דא א פופציגסטע יאר איז יובל, **מתפלל תפלות של תשע ברכות.** איז דא שטייט זיבן ברכות, דא שטייט ניין ברכות. **כשם שמתפלל במוסף של ראש השנה, כך שנת היובל ביום כיפור.** די תפלה פון יום כיפור פון שנת היובל האט אויך **מלכיות זכרונות ושופרות. מתפלל תפלה של תשע ברכות במוסף של ראש השנה, וכן עושה בברכות עצמן, בלא פחות ובלא יתר.** מ'זאגט די זעלבע, ממש די זעלבע נוסח פון מלכיות זכרונות ושופרות זאגט מען אויף יום כיפור תפלת היובל.

#### דיסקוסיע: פארוואס מלכיות זכרונות ושופרות ביום כיפור של יובל?

## Speaker 2:

יא, פארוואס זאגט מען עס אזוי? וואס קומט עס אריין? וואס איז די פשט פון דעם? איך ווייס נישט, אפשר האבן מיר געלערנט אמאל וועגן דעם? וועגן יובל? איך ווייס פארוואס מ'דארף זאגן מלכיות זכרונות ושופרות יום כיפור של יובל?

## Speaker 1:

יא, איך ווייס, ווייל ס'האט א קשר צו, ס'איז ענליך צו ראש השנה אז די תקיעת שופר איז א דאורייתא. אקעי.

## Speaker 2:

אה, אה, זייער גוט, זייער גוט. דאס איז די תקיעות. סאו לכאורה מלכיות זכרונות ושופרות האט מען תקיעות. דאס איז די סארט. דאס איז א פירוש

אויף די תקיעות.

**Speaker 1:**

אה, ס'איז א פירוש אויף די תקיעות. אה, דאס איז וואס מלכיות זכרונות איז אויך פשטים אין די שופר. אזוי, דאס איז די תירוץ. דאס איז די פשט. וואס איז די מינינג?

**Speaker 2:**

די זכריות ברחם, יא? אה, די זכרונות. די רמב"ם האט אונז געזאגט. מ'דערמאנט די אייבערשטער, ברענגט ער... יא. זייער גוט.

**Speaker 1:**

וואס איז דער פשט וועט מען טראכטן? אבער יובל בלאזט מען דאך שופר. ווען בלאזט מען דאס? אויף יום כיפור בלאזט מען דאס. **"והעברת שופר תרועה בחדש השביעי בעשור לחדש"**. יא. דאס דארף מען נאר ווען ס'איז יובל. היינו, ווען ס'איז דא די תקיעת שופר של יובל. זייער גוט.

**Speaker 2:**

יא, און די משנה ראשונה שטייט דאך "שובע יובל ראשונה לתקיעות לפני הברכות". זייער גוט. ס'איז תקיעות מיט די ברכות. דאס איז די משנה. ס'איז איין סעט, אזוי ווי איך האב געלערנט.

**Speaker 1:**

לכאורה, ווען מ'לערנט אין הלכות ראשונות, אין די סוגיא האבן מיר נישט געלערנט, אבער דארט איז אויסגעקומען פאר מיר אז די עיקר תקיעות קומט אמת'דיג על סדר הברכות. יא, תקיעות דמיושב איז דאך א חידוש, מ'לייגט צו. אונז מיינט מען אז תקיעות מדאורייתא איז אן עקסטערע זאך, אבער די תקנת חכמים איז געווען צו מאכן תקיעות על סדר הברכות. ס'איז די זעלבע זאך.

אקעי. ווייטער זאגט דער רמב"ם: **"בכל תפלה מתפלות"**. דער רמב"ם איז זייער קיוט אז אין הלכות תפלה האט ער קוים געטראכט אז מ'דארף אריינשרייבן הלכות יום כיפור של יובל. ס'איז א זאך וואס מ'דארף זיך מאכן. מ'פרעגט דיר אפשר, ניין, דער רמב"ם זאגט אלעס.

**"ה' שפתי תפתח" – פתיחה לתפילה (הלכה ט)**

**Speaker 1:**

זאגט דער רמב"ם ווייטער: **"בכל תפלה מתפלות"**, א נייע אינטערעסאנטע הלכה וואס איך האב נישט געוואוסט, **"כל תפלה משלש תפלות שסח קודם הברכה הראשונה ועומד, זו היא פתיחה להם, והוא שאומר 'ה' שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך'"**. ס'שטייט אין די גמרא, ס'איז א פסוק אין תהלים. די גמרא זאגט אז די חכמים, אמר רבי יוחנן, אזוי זאל מען טון. יא. אינטערעסאנט. ס'איז בעצם א תפלה אויף תפלה, מ'בעט דעם אייבערשטן אז מ'זאל קענען גוט דאווענען. דאס איז די ערשטע תפלה קודם א תפלה.

**דיסקוסיע: דער ענין פון "שפתי תפתח" נאך די תקנת חכמים**

**Speaker 1:**

ס'איז אינטערעסאנט, ווייל פאר די חכמים האבן געמאכט א מטבע של ברכות חכמים, האט די תפלה אסאך סענס, ווייל ס'קען זיין א לשון עלג, מ'בעט דעם אייבערשטן אז ס'זאל געלונגען. איינמאל די חכמים האבן עס געמאכט, איז וואס שייך? ס'קען זיין אז מ'קען אפילו די תפילת חכמים זאגן באופן עלג, אן א כוונה.

און איך וויל דערמאנען אז ס'איז דא א מחלוקת, דאס הייסט, ס'שטייט נישט בפירוש. ס'איז דא א גרויסע מחלוקת ראשונים, דער רשב"א און דער רמב"ן, איך מיין אזביידע פון זיי זאגן בפירוש, אז ווען ס'שטייט אז די חכמים האבן מתקן געווען ברכות, מיינט נישט אז זיי האבן געמאכט די גאנצע נוסח. ס'מיינט אז זיי האבן געמאכט געוויסע הלכות, ווי אזוי ס'דארף זיין אכצן ברכות, אז מ'דארף רעדן וועגן וואס מ'דארף רעדן, די נוסח החתימה אפשר, אבער ס'איז נישט... דער רמב"ן זאגט אז ס'איז מדרש זיין.

דער רמב"ן ברענגט די ראיה, ווייל נישט נאר שפעטער, נאר נאך עד היום זעען מיר נישט אזא הלכה. דער רמב"ן זאגט אז ס'איז א קבלה.

**Speaker 2:**

ניין, ווייל נישט אלע.

**Speaker 1:**

דער רמב"ם זאגט וויאזוי קען זיין אז בזמן הבית האט מען נישט געזאגט די ניין ראשונים? מען האט געזאגט די צוויי עבודות ישראל וירושלים, עפעס אזוי האט ער א נוסח. מוז זיין אז ס'האט זיך געטוישט, איז דאך נישט דא קיין ענין. וויאזוי קען מען זאגן אז די אנשי כנסת הגדולה האבן שוין מתקן געווען די נוסח? אלא מאי, זיי האבן מתקן געווען אז מ'זאל רעדן וועגן דעם סובדזשעקט. אבער פון די רמב"ם איז א גאנצע צייט משמע אז זיי האבן מתקן געווען א נוסח. הגם, ער איז ממש מעכב די נוסח, קען מען נישט אריינזאגן. אבער וועגן דעם, ס'קען זיין אז אפילו ר' יוחנן האט נאך, יא, ער האט זיך געפירט אזוי ווי ער האט געזאגט אן אייגענע נוסח אביסל אויף דעם.

און השם שפתי תפתח, דער רמב"ם זאגט, איך זאג, אפילו ווען ס'איז דא א נוסח פון תפילה, איך זאל עס גוט זאגן, איך זאל האבן כוונה אין די ווערטער, איך זאל האבן געלערנט לשוני תמה לקרוא, אבער ס'איז אביסל א דוחק. פארגעסן די עברה.

**Speaker 2:**

ניין, איך זאג דאס איז מער אזוי ווי די חסיד'ישע ווארט, אז חננו השם אז בעת יעלה על דעתי דאווענען, איך זאל קענען דאווענען. דאס איז די פשט. אבער קענען דאווענען, ס'קען מיינען, בשלמא, עשה שתהא תפילתי שגורה בפי עבדך. רייט, אבער שגורה בפי מיינט לכאורה אויף דאס. מ'זאל זיך גוט דאווענען. איך זאל האבן א גוטע ווארט. אבער אמת, יעדע זאך האט אפאר דעווילס, קען זיין מער.

**Speaker 1:**

ר' ר' אלימלך האט עס טאקע געלייגט אין שיינע ווערטער, ער האט געזאגט, "ואם לא ידעתי, אתה תלמדני", אויב איך ווייס נישט וואס צו דאווענען, מאך איך זאל יא גוט דאווענען. א גוטע תפילה פון ר' ר' אלימלך.

**"יהיו לרצון" – חתימה נאך תפילה**

**Speaker 1:**

אבער יא, כשחושב. כשחושב זאגט ער א תפילה, **יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך**, אז וואס איך האב געזאגט און וואס איך האב געטראכט זאל ווערן אנגענומען. ואחור וקדם צרתני. אסאך מאל טראכט איך אז מ'דארף נאר זאגן אמרי פי, ווייל איך האב אן ענין ווייטער אויסצוהערן וואס איז געווען די הגיון לבי דורכאויס שמונה עשרה. נו נו, ער הערט עניוועי, ס'איז א תפילה סתם. יהיו לרצון איז פשט אזוי ווי, איך ווייס נישט, איך קען דיך נישט אזוי גוט אייבערשטער, איך ווייס נישט פונקטליך ווען, אפשר איז נישט געווען א שעת רצון, אבער ס'זאל דאך זיין יהיו לרצון אמרי פי, ס'זאל נתקבל ווערן. וואטעווער איך האב געטון זאל נתקבל ווערן. ואחור וקדם צרתני.

**Speaker 2:**

אה, זייער גוט. נאכדעם גייט ער צוריק, צורת לאחוריו.

**Speaker 1:**

דא זאגט דער רמב"ם, וואס איז דא די הלכה פון צוגיין צום דאווענען און אויסטרעטן פון דאווענען? אונז וועלן עס גיין לערנען, מיין איך. ער זאגט, ער ברענגט אז ס'איז נאך פני רוקח, גייט זאגן מער וועגן די יציאת לאחוריו. איך זע עס נישט אויף די סעקונדע, אבער קריאה...

**Speaker 2:**

יא, אפשר עומד לפני המלך. יא, ס'גייט זיין, ס'גייט זיין. יא.

**Speaker 1:**

ס'גייט זיין, ס'גייט זיין. יא. די ציטערניש שטייט נאך נישט דא, אבער התלהבות שטייט.

און ער מיינט נאך צו זאגן ווען, איך האב געמיינט ער מיינט נאך צו זאגן ווען מ'זאגט די יהי רצון, און די לפני יציאת לאחוריו, ס'איז דאך דא א שטיקל ספר, און מ'זאגט וואס נאך נאך זאכן לייגט מען צו.

**הלכות תפילה – ראש חודש, חול המועד, שבת, והבדלה**

**הלכה י: תפילת ראש חודש וחול המועד – ערבית, שחרית ומנחה**

**Speaker 1:** איך זע נישט אויף די סעקונדע, אבער כשגומר התפילה, כראוי. אונז גייען זען, אונז גייען זען, יא.

ווען נאך, וואסערע נאך זאכן לייגט מען צו אין תפילה? זאגט דער רמב"ם, **בראשי חדשים ובחולו של מועד מתפלל ערבית שחרית ומנחה תשע עשרה ברכות כשאר הימים.** זייער ספעציפיש, ער לייגט נאר צו אז מען לייגט נישט צו אין נאך א תפילה אויסער... איך... אנדערש ווי מוסף. ערבית שחרית ומנחה, די רעגולערע תפילות, לייגט מען צו, **אלא שמוסיף בברכת העבודה...** ער זאגט די זעלבע זאך, ער זאגט מען זאגט נאר יעלה ויבוא בעבודה.

**קשיא: פארוואס זאגט מען יעלה ויבוא בברכת רצה?**

איך האב קיינמאל נישט... קוק שפעטער אין מיין נוסח התפילה וואס איך גיי קענען זאגן די נוסח. איך פארשטיי קיינמאל נישט, איין קשיא וואס איך האב קיינמאל נישט פארשטאנען, פארוואס זאגט מען יעלה ויבוא בברכת רצה? וואס קומט עס דארט אריין?

איך ווייס, איך האלט נישט די תירוץ, אבער איך האב געזען דא אז ער ברענגט אז אין ירושלמי שטייט אז יעדע זאך וואס איז א בקשה להבא זאגט מען בעבודה. יעדע זאך וואס איז לשעבר און הודאה זאגט מען אין הודאה. דאס הייסט חנוכה און פורים זאגט מען דאך אויך הוספות אין על הניסים, זאגט מען עס אין הודאה, ווייל עס איז צו דאנקען און לויבן זיך אויף וואס איז געווען. עניני הציבור זאגט מען בעבודה, און עניני היחיד זאגט מען בשומע תפילה. דאס הייסט, ווען חז"ל האבן געוואלט צולייגן, האבן זיי עס נישט אויף געלייגט ביי שומע תפילה.

ס'זעט אויס, איך מיין אז ס'איז דא א שטיקל טיילונג. שומע תפילה איז, ביי דעפינישאן, שמע קולנו, הער מיין קול, דארט לייגט מען צו אן אייגענעם נוסח. איך ווייס נישט. אבער ווען ס'האט צו טון מיט עבודה, וואס האט צו טון מיט רצה ה' אלוקינו בעמך ישראל ובתפילתם שעה, וואס האט צו טון מיט עבודה, ויהיו לרצון תמיד עבודת ישראל עמך, אבער רחם נא ה' אלוקינו, שמע קולנו, און רצה ה' אלוקינו בעמך ישראל ובתפילתם שעה, איז זייער ענליך, יא? ובתפילתם שעה איז ממש די זעלבע זאך ווי שמע קולנו. אזוי ווי שמע קולנו זאגט ער, הער אויס מיין קול, און ווען ער זאגט "תפילת ישראל" מיינט ער די תפילת ישראל וואס מ'זאגט ברבים. די קשר איז פארוואס די שלש אחרונות איז הודאה. און פארדעם מאכט עס אסאך סענס אז די צרכים פרטיים זאל מען זאגן ביי שומע תפילה, און די צרכי המקדש אזויווי יעלה ויבוא זאגט מען דאך אז מ'רעדט דארט פון עבודות.

**קשיא: רצה איז דאך א בקשה, נישט הודאה**

ס'איז דאך אויף סדר היום, אין אנדערע ווערטער, ס'איז דאך דא א קשיא וואס מ'פרעגט, און מ'זאגט דאך אז שלש אחרונות איז הודאה, אז מ'זאגט שבח. דער רמב"ם האט דאך עס געזאגט אין ערשטן פרק, אבער ס'זעט נישט אויס. דא זעט אויס אז נאר פון הודאה הייבט זיך אן הודאה.

רצה איז דאך א בקשה. פארוואס פאלט עס אריין? פארוואס זאגט בכלל דער רמב"ם אין די ערשטע פרק אז די לעצטע דריי ברכות זענען נותן שבח, נותן... וויאזוי זאגט ער עס? נותן הודאה. מודים פארשטיי איך. מודים הייבט זיך אן און ס'ענדיגט זיך ביי "הטוב שמך ולך נאה להודות". אבער דו זאגסט עס שוין איינס פארדעם, רצה דארף שוין צו זיין א שבח. אזוי שטייט אין רמב"ם אין די ערשטע פרק, רייט? אזוי האט ער געזאגט אז די ערשטע איז... דאס איז נישט, ס'איז א בקשה. דא זעסטו קלאר אז ווען ס'איז דא א בקשה, לייגט מען עס טאקע דארט צו. אפשר אזויווי דו זאגסט, די בקשה איז א ציבור, לייגט מען דארט צו.

**Speaker 2:** איך פארשטיי נישט פארוואס... "שלוש ראשונות שבח, שלוש אחרונות הודאה על הטובה".

**Speaker 1:** יא, אזוי זאגט דער רמב"ם, און אזוי זאגט דער רמב"ם "תקנו... תקנו...". איך פארשטיי נישט די לשון אז די לעצטע דריי איז דאס.

**Speaker 2:** יא, "שלוש ראשונות ושלוש אחרונות" זאגט ער אסאך מאל. וואו, וואו?

**Speaker 1:** אה, "שלוש אחרונות הודאה". יא, וואס איז דאס? וואס עפעס? וואס שטייט דא? ס'איז זייער נישט קלאר וואס קומט אריין הודאה מיט רצה. רצה איז א בקשה אויף קבלת התפילה, קבלת העבודה, אדער קבלת התפילה. נישט קלאר. עפעס איז מיסינג זייער בעיסיק.

מ'האט דאך בעצם אסאך תפילה. אה, מ'זאל רצה... קען מען מיר הייסן, קען מען דא ענדיגן. וואו, פנחס, ס'איז נישט שוין געגעבן תורת חיים.

**Speaker 2:** ניין, נישט אזוי דא, ס'איז נישט ממש אזוי דא, ס'איז נושא שלום לרבים, שטעלט מען עס אריין.

**Speaker 1:** דאס קען מען דורכגיין, אבער רצה איז נאך שווערער. רצה איז ממש א בקשה.

איי דאונט נאו, אפשר איז געווען אן אנדערע נוסח אמאל וואס איז געווען מער הודאה אין דעם. עפעס מוז זיין א פשוט'ע תירוץ אויף אזא קשיא. ס'קען נישט זיין אזוי פאני.

**הלכה י (המשך): תפילת מוסף – חול המועד וראש חודש**

על כל פנים, דאס איז קיצור ראש חודש און חלק של מועד. און ביי מוסף? אה, מוסף אבער, **בחולו של מועד לייגט מען צו מוסף, מתפללין תפילת מוסף כמו שמתפללין ביום טוב.** דאס מיינט מ'דאווענט זיבן ברכות ביי מוסף, נישט ניינצן ברכות מיט מעין המאורע, נאר זיבן ברכות. **בראשי חדשים איז מתפלל שבע ברכות,** און ער זאגט די זעלבע זאך ווי ראש חודש. אה, ער זאגט נאך דעם "תשלום", **"מקדש ישראל וראשי חדשים".** און צו איז די מיטלסטע פון... יא, די מיטלסטע פון די מוסף פון ראש חודש.

**דיון: קלארע לייענונג פון דעם רמב"ם'ס סטרוקטור**

**Speaker 2:** אה, די ווארט "במוסף" מאך אזוי, נאך די ווארט "במוסף" הייב אן אזוי: "במוסף" איז אזוי, "בחולו של מועד"... ניין, מוסף יום טוב און מוסף חול המועד. דאס איז בעיסיקלי וואס ער טוט, רייט?

**Speaker 1:** ניין, ער זאגט נאך די ווארט "במוסף" דא, האק אפ, און "במוסף", און יעצט איז אזוי, "בחולו של מועד" איז אזוי, און בראשי חדשים איז אזוי. רייט, סאו מוסף יום טוב, און מוסף חול המועד, רייט? אדער בחולו של מועד און מוסף... רייט? שטימט? דאס מיינסטו צו זאגן? עפעס אזוי.

**Speaker 2:** ניין, וואס איך האב געמיינט צו זאגן אז ס'דארף צו זיין, לייג די ווארט "במוסף" פון די רמב"ם דא.

**Speaker 1:** יא, אבער וועלכע מוסף? בחולו של מועד איז אזוי די מוסף? ער מאכט ראש חודש, חול המועד און ראש חודש. די ווארט "בראשי חדשים" גייט ארויף אויף די ווארט "במוסף". ער זאגט "במוסף", און דאן זאגט ער... אה, אה, אה, אזוי. בראשי חדשים, יא. דאס הייסט ערבית, שחרית און מנחה איז די זעלבע ראש חודש... מ'קען נעמען ארויס דא און שרייבן "מוסף יום טוב ראש חודש".

**Speaker 2:** אה, אקעי, זייער גוט. אקעי, יא, יא. אבער די פוינט איז... ניין, דאס איז א סענטענס, איך פארשטיי. זייער גוט.

**Speaker 1:** סאו די אנדערע ווערטער, ערבית, שחרית און מנחה איז די זעלבע ראש חודש און חול המועד. מוסף איז אנדערש. איז דא א מוסף בחולו של מועד און א מוסף בראש חודש.

**Speaker 2:** יא, ס'איז די זעלבע, ווייל דא רעדט מען פון חול המועד ראש חודש, און דארט רעדט מען וועגן קרבנות פון די מועד.

**Speaker 1:** יא. זייער גוט.

### קשיא: שבת שחל להיות בחולו של מועד

**Speaker 2:** וואס איז מיט שבת שחל להיות בחולו של מועד?

**Speaker 1:** אה, דאס איז וואס דו האסט געזאגט, די מהרי"ד. די מהרי"ד זאגט אז ס'מאכט נישט קיין סענס צו זאגן "שבת חול המועד". וואס איז חול? ס'איז נישט שבת. וואס איז נישט חול? און טאקע אין די משנה שטייט נישט, אין די משנה שטייט אלעמאל "שבת שבתוך המועד". שטייט "שחל להיות", וואס איז אריינגעפאלן אין די... אין די חול המועד. אבער יענע... רייט. ס'מיינט נישט אז ס'איז דא צוויי סארט וואכן. ס'איז דא די וואכן לגבי יום טוב, די וואכן לגבי שבת. לגבי שבת איז עס שבת. אבער ווען דו ווילסט ווערלן לגבי די יום טוב וואס איז די וואכן, די וואך איז חולו של מועד.

בחינת ראש חודש איז עס חולו של שבת. מיר זענען יעצט מוצאי שבת, איז חולו של שבת, נישט חולו של מועד. ס'איז צוויי אנדערע חולות. חולו של... מבחינת מועד איז עס חול, און מבחינת שבת איז עס א רעגולערע שבת.

### הלכה יא: שבת שחל להיות בראש חודש או בחול המועד

**Speaker 2:** ראש חודש שחל להיות בשבת, יא, וואס טוט ער?

**Speaker 1:** יא, דאס איז די שאלה. אין די תורה איז דאך נישטא דאס ווארט חולו של מועד, ס'איז א לשון חז"ל, רייט? ס'שטייט מועד און... מקרא קודש הייסט יום טוב, רייט? אדער עצרת, מקרא קודש, שבתון, און אנדערע ווערטער וואס די תורה רופט.

און וואס טוט מען ווען ס'איז שבת? **ראש חודש שחל להיות בשבת, מתפלל ערבית שחרית ומנחה שבע ברכות כסדר השבתות, ואומר יעלה ויבוא בעבודה.** ער דאווענט פולע שבת, אויך יעלה ויבוא, וואס מ'לייגט אויך אין די שבת'דיגע תפילה. רייט.

### תפילת מוסף — שבת ראש חודש

**ומוסף מתחיל בברכה אמצעית מעין שבת, ומשלים מעין שבת, ואומר קדושת היום באמצע הברכה.** איז דאס איז אן אינטערעסאנטע לשון פון די רמב"ם. ער זאגט, מ'הייבט אן פון שבת, מ'ענדיגט פון שבת, און מ'זאגט אינמיטן קדושת היום. אבער ווען ער זאגט "משלים", מיינט ער נישט צו זאגן די חתימה, ווייל די חתימה גייט ער זאגן אז מ'זאגט ביידע. נאר "משלים" מיינט ער צו זאגן אז מ'זאגט "ישמחו במלכותך" שפעטער, אדער עפעס אזא סארט זאך. די מפרשים זאגן דא אז דאס איז די רמב"ם'ס טייטש אויף די גמרא. פשטות האט די גמרא געמיינט צו זאגן די חתימה, אבער די רמב"ם האט עפעס אזוי געלערנט אז מ'רעדט בעיקר וועגן שבת, אבער אויך...

### דיון: דער רמב"ם'ס נוסח פון "אתה יצרת"

אבער ביי אונז האבן מיר א ספעציעלע "אתה יצרת" וואס מ'זאגט יא גאנץ אן ענין חול המועד אויך.

**Speaker 2:** דו מיינסט אז די רמב"ם וואלט ביי ראש חודש שבת חול המועד נאר געזאגט "מקדש השבת" און נישט "וראשי חודשים"?

**Speaker 1:** ניין, דו רעדסט פון אלע אנדערע שבת ראש חודש. נאר ביי אונזער נוסח שטימט עס, אז ווען מ'הייבט זיך אן מיט שבת, הייבט זיך אן מיט "אתה יצרת", ס'ענדיגט זיך אויך "רצה במנוחתנו", און אינדערמיטן רעדט איך עס פון...

**Speaker 2:** יא, יא, איך זאג, אבער די לעצטע שטיקל "וחותם בראשי חודשים", דאס טייטשט אז די רמב"ם האט ביי ראש חודש געהאט די זעלבע נוסח התפילה פון שבת און נאר נישט געטוישט די גאנצע מיטלסטע נוסח. אונז האבן די "אתה יצרת", וואס אונז זאגן נאר ביי ראש חודש.

**Speaker 1:** יא, האט יא, די פיוט איז אנדערש. אונז האבן אויך, אונז האבן אויך, אונז האבן אויך "אתה יצרת". שבת ראש חודש, מ'הייבט אן בענין שבת, מ'ענדיגט בענין שבת, ער זאגט נישט אז ס'איז נישט די זעלבע נוסח. ער זאגט נישט אז מ'הייבט אן די נוסח פון שבת, וואטעווער די נוסח פון שבת איז, "ישמח משה", איך ווייס נישט וואס.

**Speaker 2:** וואס איז די טייטש? "משכיל" מיינט אז ער רעדט פון אום ראש חודש, אדער ער רעדט פון שבת?

**Speaker 1:** ער זאגט אז מ'זאגט די שבת חלק, און ס'איז שבת. וואס איז שבת? שבת איז א תפילה פון היינט, וואס די פאר צורות פון שבת. אלע מוספים זענען נישט אנדערע תפילות שבת. אלע תפילות שבת זענען די זעלבע, נאר ס'איז א פראבלעם אז שבת איז אויך ראש חודש. וואס טוט מען? ווייל ראש חודש האט מוסף, און שבת האט אויך מוסף. איז די תירוץ איז אז מ'טוט ביידע.

**Speaker 2:** אהא, אהא. סאמהאו ביידע. אבער עיקר שבת.

**Speaker 1:** אבער דא משכיל איז די דין הלכות אתה יצרת, אתה חוננתנו. אתה יצרת גייט אזוי. מ'דארף זען אין די... איך האב געמיינט אז ער וואלט געגאנגען ארויף באריכות און זאגן אז די מוסף פון שבת איז געווענליך בענין שבת, און שבת ראש חודש איז בענין ראש חודש.

**Speaker 2:** ניין, ניין. קדושת היום מיינט ראש חודש יעצט. אויך אינמיטן די ברכה דערמאנט מען די גאנצע ראש חודש. קדושת היום איז נישט טייטש שבת דא. קדושת היום איז טייטש ראש חודש אדער חול המועד.

**Speaker 1:** אז ווען ס'איז ראש חודש אויך אינמיטן, און די ענד דערמאנט מען ראש חודש ביי די ענד. מ'איז מחבר די תפילה פון מועד, מ'איז מחבר מיט ביידע. שבת ישראל וראש חודש, אזוויי שבת וואס איז יום טוב, די זעלבע אידיע. שבת ישראל וראש חודש, אזוויי שבת ישראל וזמנים, אזוויי שבת ישראל ויום הכיפורים.

### אנהייב פון הבדלה-דיון

יעצט גייען מיר לערנען וועגן הבדלה. וואס געשעט הבדלה? מ'האט שוין גערעדט וועגן הבדלה? מ'האט שוין געזאגט וועגן הבדלה בחונן הדעת א גאנצע וואך? מ'האט נישט געדענקט נישט. מ'האט נאך נישט געזאגט, אמת? מ'האט נאך נישט געזאגט. ער גייט זאגן שפעטער. אבער יעצט רעדט ער, פאר סאם ריזען האט ער שוין גערעדט וועגן יום טוב'ן, זאגט ער וועגן וויאזוי מ'זאגט הבדלה ווען ס'איז שבת. ער האט נישט אמאל געזאגט אז מוצאי שבת איז א תפילה קצרה, קען מען נישט. אבער ער האט נאך נישט געזאגט עצם מוצאי שבת. גייט ער דאס זאגן דאס שפעטער אין די נעקסטע פרק?

ער זאגט עס מוצאי שבת נאר.

**Speaker 2:** ניין, ניין, נישט מוצאי שבת. ער מיינט הבדלה נאר. ס'איז זיכער דא.

**Speaker 1:** אה, ס'איז אמת אז ער זאגט הבדלה מוצאי שבת, ער גייט זאגן. אבער איך בין כמעט זיכער אז ס'שטייט דא ערגעץ. ס'קען נאך נישט זיין.

### דיני תוספות בשמונה עשרה: הבדלה, על הנסים, עננו, נחם, ומוריד הגשם

### הלכה י: יום טוב שחל להיות באחד בשבת — הבדלה בתפילה

**Speaker 1:** אקעי, לאמיר גיין ווייטער. וואס טוט מען אין יום טוב שחל להיות באחד בשבת? ס'איז ווירד אז ער וואלט געדארפט זאגן דעם. אפשר גייט ער זאגן באלד?

**Speaker 2:** ער גייט זאגן שאלות ותשובות נעקסט אין דעם פרק. איך זע נישט אז ער זאגט... אפשר שטייט יא צוגעברענגט וואס דו האסט דערמאנט פריער, ער גייט מיר אזאגן אז מ'דארף זאגן די תפילה כסדרה.

**Speaker 1:** אבער לעת עתה זאגט ער אז ער האלט אז דאס קומט אין הלכות שבת, ווייל די דין הבדלה איז אפשר א דין אין שבת, נישט קיין דין

אין תפילה.

**Speaker 2:** ער האט מיר דערמאנט נאכדעם אינמיטן... אבער ס'שטייט טאקע די הבדלה ביין, אבער איך גלייב נישט אז ס'איז פארלאנגט דארט. איך דארף זען אז ס'שטייט דא שפעטער.

**Speaker 1:** אקעי.

**נוסח ההבדלה בתפילה**

**Speaker 1:** אקעי, זאגט ער, **יום טוב שחל להיות באחד בשבת דארף מען מאכן הבדלה בליל יום טוב.** איז די נוסח הבדלה לייגט מען אריין אזוי. ער זאגט נישט ווי אין די ברכה רביעית מ'זאגט עס.

**Speaker 2:** ניין, מתפלל נישט ווי, דאס איז די ברכה רביעית.

**Speaker 1:** מתפלל וועלכע ברכה רביעית?

**Speaker 2:** בליל יום טוב. דאס הייסט, ער הייבט אן...

**Speaker 1:** און דער רמב"ם זאגט ער הייבט אזוי אן. אבער אונז הייבן אן "אתה בחרתנו". וואס זעט מען...

**Speaker 2:** ניין, איך בין מסכים. דאס איז די "ותודיענו משפטי צדקך".

**Speaker 1:** איך מיין אז דער רמב"ם איז אויך אזוי, ותודיענו ערגעץ.

**Speaker 2:** ותודיענו משפטי צדקך, ותתנו לנו.

**Speaker 1:** ניין, ותתנו לנו.

**Speaker 2:** ותודיענו משפטי צדקך, ותלמדנו לעשות חוקי רצונך.

**Speaker 1:** וואס האט ער דאס אויסגעלאזט, און נישט א חילוק?

**Speaker 2:** ניין, ס'איז דא למען ידעו מיינט אויסגעלערנט, און למען ידעו מיינט צוגעוואוינט. איך מיין אז ס'איז דאפלטע לשון.

**דריי מיני קדושות: שבת, יום טוב, ורגל**

**Speaker 1:** **"ותתן לנו ה' אלקינו קדושת שבת, כבוד יום טוב, וחגיגת הרגל".** שבת איז הייליג, יום טוב איז מכובד'יג, און רגל איז חגיגה'דיג. ס'איז אן אנדערע אופן.

**Speaker 2:** חגיגה מיינט לכאורה א חגיגה, לכאורה. אבער דו ווייסט, ס'קומט אריין. אין קורבן, דער עיקר איז דער עיקר.

**Speaker 1:** אבער די שבת, די יום טוב, האסטו דאך געמאכט א הבדלה. בחונן הדעת איז דאך אלעס אבאוט מאכן הבדלות, מאכן עקסטרע קאטעגאריעס, אז די וועלט איז נישט וואן-דיימענשאנעל. אז ס'איז אונז געגעבן דעת צו וויסן צווישן א חשוב'ע טאג, א ווייניגער חשוב'ע טאג, נאך א חשוב'ע טאג.

אבער דא זאגט מען נישט קודם א דעת, דא איז נישט קיין ברכה פון דעת. ס'איז דאך סתם אזוי די ברכה פון "אתה חוננתנו" פון וואס דו געדענקסט דאס.

**Speaker 2:** אמת, אמת, אבער ס'איז נישט...

**Speaker 1:** און איך זאג נאר, די זעלבע זאך, און דא איז די הבדלה נאך מער א נואנס, ווייל ס'איז צוויי מיני קדושות, און ס'איז דא א הבדל צווישן זיי.

**Speaker 2:** **"את יום השביעי הגדול והקדוש קדשת". "ותתן לנו ה' אלקינו באהבה ובשמחה"**, און מ'גייט ווייטער.

**דיסקוסיע: פארוואס איז דער רמב"ם'ס סדר "בעקווארדס"?**

**Speaker 1:** אה, דא זאגט ער, מוצאי שבת. פארוואס גייט ער אן בעקווארדס? איך כאפ נישט.

**Speaker 2:** סתם. ער זאגט מוצאי שבת, ער זאגט די לשון, "אתה חוננתנו", און ער זאגט די לשון, "מבדיל בין קודש לחול", און נאכדעם זאגט ער, "מבדיל בין קודש לקודש".

**Speaker 1:** ער זאגט "קדושת שבת, כבוד יום טוב, וחגיגת הרגל". ס'איז דאך דריי זייער וויכטיגע חילוקים, ווייל ער זאגט אז ס'איז דא חילוקים אין די קדושות.

**Speaker 2:** יא, יא, אבער חגיגת הרגל איז אן אנדערע מין קדושה.

**Speaker 1:** חגיגת הרגל מיינט חול המועד? וואס מיינט חגיגת הרגל?

**Speaker 2:** ס'קען זיין אז די טעג חול המועד, וואס דעמאלטס קען מען ברענגען די קרבנות נדבה? חגיגה? קען זיין.

**Speaker 1:** ווער ברענגט אויך? ס'איז דאך דעמאלטס נישט דא קיין מצוות כבוד, נישט דא קיין מצווה פון קדושה, אבער ס'איז דא א מצווה פון חגיגה. און פאר דעם איז דא די תפילה. ס'שטימט זייער גוט.

מ'זאגט "קדושת שבת" איז א געוואלדיגע קדושה, יעדער יום טוב האט זיך זיינע כללי כללים און קאטעגאריעס פון קדושה. און שבת איז גאר הייליג, **"את יום השביעי הגדול והקדוש קדשת"** מער פון אלע אנדערע.

**Speaker 2:** מוצאי שבת, מוצאי יום טוב, זאגט ער די לשון, אה, דא גייט ער זאגן, "מבדיל בין קודש לחול". אה, דא זאגט ער עס.

**Speaker 1:** יא, יא, איך ווייס שוין פארוואס ס'איז בעקווארדס. ער זאגט קודם די מעלה, און נאכדעם זאגט ער די הבדלה. די לשון האט ער געזאלט זאגן שפעטער.

אין די פרדס שטייט נאר די לשונות פון אינטערעסאנטע זאכן. די עיקר לשונות אין תפילה גייט מען שוין זען אין סידור שפעטער.

זאלן מיר גיין ווייטער.

**הלכה יג: על הנסים — חנוכה ופורים**

**Speaker 1:** **"ובחנוכה ופורים אומר על הנסים".** ביז יעצט האבן מיר געלערנט וואס מ'לייגט צו לכבוד ראש חודש אדער חול המועד, אדער לכבוד מוצאי שבת. יעצט גייען מיר לערנען וואס מ'לייגט צו לכבוד חנוכה און פורים.

וואס לייגט מען צו אין חנוכה און פורים? **מוסיפין בהודאה.** ביי ברכת ההודאה לייגט מען צו "על הנסים".

ס'איז דא וואס זאגן מ'לייגט ביי הודאה, אנדערע זאגן מ'לייגט ביי רצה. ניין, ביי הודאה שטייט אז מ'לייגט אן ענין פון הודאה, "על הנסים".

אבער ס'איז דא א קושיא, ביי די בקשות.

**דיסקוסיע: שבת שחל בחנוכה — צו זאגט מען "על הנסים" אין מוסף?**

**Speaker 1:** שבת שחל להיות בחנוכה ופורים, וואס טוט מען ווען ס'איז שבת? איז דא א שאלה, ס'איז דא א חקירה אין די גמרא צו מ'דארף אין מוסף זאגן "על הנסים".

ווייל חנוכה קומט נישט קיין מוסף, שבת איז דאך חנוכה איז נישט קיין מוסף. מוסף איז א שבת'דיגע תפילה, נישט קיין חנוכה'דיגע תפילה. ס'איז נישט דא קיין עקסטערע קרבן מוסף חנוכה.

סאו, ווען א טעם דארף מען נישט דארפן זאגן "על הנסים" אין מוסף, ווייל ס'איז נישטא קיין חנוכה אין מוסף.

אבער משמע אין די גמרא אז יא, די גמרא רופט עס "יום שנתחייב בכל התפילות", היינט דארף מען אין אלע תפילות זאגן. אדער וועט מען קענען זאגן אז היינט איז יא א שבת חנוכה, ס'איז א חנוכה'דיגע שבת, אדער סתם אזוי, אזוי איז די טאג.

**הלכה יד: עננו — תענית**

**Speaker 1:** וואס טוט מען ביי א תענית? **אפילו א יחיד וואס פאסט, אה, זעסטו, אפילו א תענית יחיד, איינער וואס פאסט על הצרה, א מענטש האט א צרה, מוסיף בשומע תפילה "עננו".** און ווייטער זאגט ער נישט די נוסח.

ס'איז דא א נוסח וואס מ'בעט א ספעציעלע ברכה, און איך מיין אז ווי איך האב געזאגט פריער, דאס איז א ברכה, מ'פאסט דאך געווענליך פאר עפעס א ריזן, פאר עפעס א צרה, בעט מען דעם אייבערשטן זאל אונז העלפן פון דעם צרה, וויאזוי מ'זאל אונז העלפן.

**דיסקוסיע: די פארבינדונג צווישן "תענית" און "עננו"**

**Speaker 1:** ס'איז דא די ווארט "תענית" מיט די ווארט "עננו" איז עפעס קאנעקטעד. אין תענית איז דא די ווארט, בעט מען "עננו" אז דער אייבערשטער זאל אונז ענטפערן. ס'איז אמת'דיג גאנץ אנדערע שורשים, אבער א קפיצה קבלה.

**Speaker 2:** ס'איז נישט פון די זעלבע שורש?

**Speaker 1:** סתם נישט. דאס איז "עננו", און איינס איז "תענית". ס'איז נישט "ענינות" און "תענינות".

**Speaker 2:** יא יא, אוודאי אוודאי.

**Speaker 1:** ניין, איך זאג אבער די נוסח התפילה פון עננו איז דאך ספעציפיש פאר א תענית.

**Speaker 2:** אה, עננו זאגט מען נאר אויף א תענית?

**Speaker 1:** אויך מי שענה, יא, דאס איז דאך תענית. מי שענה און עננו.

**Speaker 2:** יא, אבער די תירוץ איז פשוט, ווייל תענית, די עיקר פשט פון תענית איז, אונז האבן א טענה, אונז האבן אן ערנסטע טענה.

**Speaker 1:** ניין, איך מיין א געוועגליך ווען דער אייבערשטער גיבט דיר שפע, האט ער זיך נישט געענטפערט. ווען ער איז צוריקגעהאלטן, און יעצט הייבט אן רעגענען, ווען דו זאגסט די תפילה, ענטפערט ער דיר. ס'איז א רילעישאנשיפ, ס'איז א מין ענטפערן. דעריבער האבן מיר א טענה. מ'קען שוין איינזאגן אז תענית איז לשון טענה. אונז האבן א טענה, ער זאל אונז ענטפערן.

**יחיד vs. שליח ציבור — צוואנציק ברכות**

**Speaker 1:** אקעי, **דער שליח ציבור אומרה בפני עצמה,** די עננו ווי אין יחיד זאגט עס בשומע תפילה, און ער ענדיגט צו ברוך אתה ה' שומע תפילה. אבער א שליח ציבור זאגט עס מער מיט א גאנצע אייגענע ברכה, מיט א גאנצע אנדערע ענדינג.

ווי זאגט ער עס? **ביים גואל או רופא.** אלזא, דארט איז דאך א ברכה, דער אייבערשטער זאל אונז ראטעווען פון אונזערע צרות יעצט, און זעט אויס אז דאס באלאנגט דארט. און ער ענדיגט אויך מיט די זעלבע ענדינג, **"עונה לעמו ישראל בעת צרה".** הייסט אן אייגענע חתימה.

בשומע תפילה ענדיגט מען שומע תפילה, אזוויוי דו זאגסט. און אויב מ'מאכט עס אן עקסטערע ברכה, קומט אן ברוך אתה ה' העונה בעת צרה.

קומט אויס אז ס'איז צוואנציק ברכות. יא?

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1:** קומט אויס אז א תענית ציבור זאגט מען צוואנציק ברכות. און לכאורה, אזוויוי איך האב געזאגט פריער, איך האב עס גענומען פון פריער, אז בעצם אויף א נייע צורך וואלט מען געדארפט מאכן נאך א ברכה, נאר א יחיד קען נישט מאכן קיין אייגענע ברכה פאר זיך, זאגט ער עס אינאיינעם מיט שומע תפילה. אבער א ציבור קען יא, מאכן זיי אן עקסטערע ברכה.

**הלכה יד (המשך): נחם — תשעה באב**

**Speaker 1:** נאך א זאך, תשעה באב. תשעה באב איז אסור צו פאסטן. אבער **מ'איז מוסיף ביי די ברכה פון בונה ירושלים, וואס איז דאך מעין המאורע, לייגט מען צו "רחם ה' אלוקינו על ישראל עמך... ועל ירושלים עירך החריבה השוממה והמבוישת וההרוסה".**

יא, ס'איז אינטערעסאנט, פארוואס ביי אנדערע אלע תעניתים... זעט אויס אז מ'האט עס נישט צוגעלייגט דארט. מ'האט עס געזאגט ביי בונה ירושלים, ווייל ס'ענדיגט זיך מעין בונה ירושלים. בונה ירושלים איז דאך די ברכה פון דעם.

**"נחם ה' אלוקינו את אבלי ציון ואת אבלי ירושלים".**

דאס איז נישט קלאר. יא.

**דיסקוסיע: מנהג vs. רמב"ם — ווען זאגט מען "נחם"?**

**Speaker 1:** די מנהג איז אז מ'זאגט עס נאר ביי מנחה תשעה באב. דער רמב"ם זאגט נישט, דער רמב"ם זאגט לכאורה אלע תפילות.

אויך איז דאס נישט מוסכם אז ס'איז נאר א סוף פון א ברכה, מ'קען עס זאגן ווען מ'וויל. ס'איז געווען מענטשן וואס האבן עס געזאגט יעדן טאג. די אידן וואס זאגן יעדע זאך וואס שטייט אין סידור.

**Speaker 2:** אה, דו מיינסט דעי וואס מען זאגט "אלקי אלקי ואל אבותי"?

**Speaker 1:** אה, "אתה ברחמיך הרבים תחתור בורות ושיחין".

**קשיא: פארוואס נישט ביי אנדערע תעניתים?**

**Speaker 1:** אה, נאך א זאך. איך וויל וויסן פארוואס אויף עשרה בטבת זאל מען נישט זאגן רחם? מען זאל זיך אויך דערמאנען דעם חורבן ירושלים. וואס פונקט תשעה באב? אלע תעניתים זענען בעיסיקלי וועגן דעם.

**Speaker 2:** אקעי.

**הלכה טו-טז: מוריד הגשם ומוריד הטל — הזכרה ושאלה**

**Speaker 1:** יעצט גייען מיר לערנען א וויכטיגע הלכה, ס'האט זיך יעצט געטוישט, יא? נאך א זאך וואס מען דארף צולייגן. אינטערעסאנט אז דער רמב"ם לייגט עס אריין אין די קאטעגאריע. ס'איז דא זאכן וואס מען לייגט צו אין די ברכות פון שמונה עשרה, אז מען גייט צולייגן א וויכטיגע זאך.

דער רמב"ם זאגט, פון מתי אומרים אין די ברכות "מוריד הגשם"?

יא, דער רמב"ם זאגט, **"כל ימות הגשמים אומר בברכה שנייה 'מוריד הגשם'".**

קודם, מיר דאנקען דעם אייבערשטן.

**Speaker 2:** מיר לויבן.

**Speaker 1:** מיר לויבן, נישט מיר דאנקען. מיר לויבן דעם אייבערשטן אויף "מוריד הגשם". מיר לויבן, יא. מיר זענען משבח אז דאס איז "מוריד הגשם".

**בימות החמה זאגט מען "מוריד הטל",** ווייל בימות החמה רעגנט וויינינגער. ס'רעגנט בכלל נישט, אפילו צייט מאל.

**Speaker 2:** ביי אונז רעגנט.

**דיגרעסיע: ערטער וואו עס רעגנט א גאנצע יאר**

**Speaker 1:** מיין מנהל האט מיר אמאל געפרעגט אז אין די ברכת החודש בענטשן אין די סידור שטייט ביי "מי החורף" זאגט מען "לחיים טובים ולשלום", און אין זיין סידור שטייט אז אין פלעצער וואו ס'רעגנט אייביג, זאגט מען אייביג "לחיים טובים ולשלום".

ווער האט עס אריינגעשריבן אין דעם סידור? איך געדענק נישט דעם מקור. ווארשיינליך איז געווען א איד וואס האט אזוי געטראכט.

אקעי. ניין, וואס איך מיין צו זאגן, אויב ס'איז דא אן ענין פון אז אין די געגנט רעגנט א גאנצע יאר, איז פשט אז ס'איז גוט פאר די נאטור דא.

**Speaker 2:** נו, נו.

**Speaker 1:** יא, מיר וועלן זען.

**זמן התחלת מוריד הגשם**

**Speaker 1:** און דעריבער, פון ווען הייבט מען אן דעם "מוריד הגשם"? איז אזוי, פון ווען ווערט דער ווינטער?

דער רמב"ם זאגט אזוי: דער ווינטער ווערט **מוסף פון שמיני עצרת.** די גמרא האט דאך א חשבון פארוואס, יא, ווייל מ'האט געשחטן בחג הסוכות, און מ'דארף ווארטן ביז דער לעצטער זאל פארן.

ווען ענדיגט זיך דער ווינטער? **שחרית יום טוב ראשון פון פסח.**

דער רמב"ם איז פון די עכטע גרויסע צדיקים, און ער גייט אריין אין א שאלה פון מוצאי שמחת תורה ביז ערב פסח. אזוי שטייט אין די גמרא, אז

דעמאלט איז מוסף שמיני עצרת, ווייל דעמאלט איז די וועטער. פארשטייסט? דאס איז די הלכה'דיגע זייט. יא.

**און פון תפילת מוסף פון ערשטן טאג פסח זאגט מען "מוריד הטל".** אונז מאכן א גאנצע פיוט, תפילת טל, תפילת גשם.

**חילוק צווישן הזכרה און שאלה**

**Speaker 1:** יעצט איז אזוי, פון ווען מאכט מען די שאלה? אבער שאלה איז נישט דאס זעלבע. יא, דאס איז נאר אן הזכרה וואס מ'איז מזכיר אין די צווייטע ברכה.

יעצט גייט מען לערנען אז מ'איז אויך... ס'איז דא אויך אן ענין פון שאלה. שאלה איז "גשמים לברכה השנה". פון ווען הייבט מען עס אן?

**פון די זיבעטע טאג אין חשוון.** דעמאלטס... **פון ז' חשוון בעט מען "גשמים לברכה השנה", "ותן טל ומטר". און דאס איז דווקא אין ארץ ישראל.**

## שאלת גשמים ושינויים בתפילה בעשרת ימי תשובה

**שאלת גשמים – פון ווען מען הייבט אן**

### Speaker 1:

יעצט איז אזוי, פון ווען מאכט מען שאלה? אבער שאלה איז נישט די זעלבע, יא? דאס איז נאר אן הזכרה, וואס מען מאכט אין די צווייטע ברכה. יעצט, אבער מיר גייען לערנען אז מען איז אויך, ס'איז דא אויך אן שאלה. שאלה איז א גשם בימות השנה. פון ווען הייבט מען עס אן?

**משבעה ימים במרחשון שואלין את הגשמים בברכת השנים, כל זמן שמזכיר הגשם. במה דברים אמורים, בארץ ישראל, אבל בשנער ובסוריא ומצרים, ומקומות הסמוכות לאלו והדומין להן, שואלין את הגשמים ביום שישים אחר תקופת תשרי.**

פון די זיבעטע טאג אין חשוון, דעמאלטס, פון זיבן טעג אין חשוון בעט מען גשמים בימות השנה, דאס הייסט סתם טל ומטר. און דאס איז דווקא אין ארץ ישראל, וואס דארט דארף מען רעגן פון ז' חשוון. אבער אין שנער, בבל, סוריא, מצרים, אדער אנדערע, כל זמן וואס מ'איז מזכיר א גשם איז מען שואל אויף גשמים.

### Speaker 2:

נישט די זעלבע צייט?

### Speaker 1:

ניין, פון ווען זיבן טעג אין חשוון ביז כל זמן שמזכיר א גשם.

### Speaker 2:

אה, יא יא, רייט. ווען סטאפט מען?

### Speaker 1:

מ'סטאפט ביי כדי שיגיע יום טוב הראשון. עקזעקטלי.

### Speaker 2:

זיי גייען מדברים על מתים.

### Speaker 1:

די אנהייב איז אנדערש, אבער די ענדיגונג ענדיגט זיך די זעלבע צייט.

### Speaker 2:

פארוואס איז עס אנדערש? ווייל יום טוב איז דאך נישט קיין...

### Speaker 1:

נאכאמאל, נאכאמאל. די ז' חשוון איז נאר ווייל מ'דארף ווארטן אז די אידן זאלן צוריקקומען, און מ'וויל נישט אז ס'זאל רעגענען. מ'בעט פון די הויעכע זאל רעגענען גלייך. אז די עולי רגלים זאלן נישט האבן קיין טרחה. ס'איז ז' חשוון. אבער דאס איז א זאך וואס איז דווקא אין ארץ ישראל. אין אנדערע פלעצער... אין ארץ ישראל פעלט אויס צו רעגענען פון ז' חשוון, פון גלייך.

אבער אין שנער, בבל, סוריא, מצרים, **ומקומות הסמוכים להם והדומים להם, שואלים את הגשמים ביום שישים אחר תקופת תשרי.**

דער מנהג בבל איז געווען, אין בבל האבן זיי געהאלטן אז זיי דארפן נישט רעגן גלייך, זיי דארפן נאר רעגן זעכציג טעג נאך די תקופה. ממילא אין בבל, און דער רמב"ם לייגט צו נישט נאר בבל, נאר אנדערע פלעצער, מצרים, ווי דער רמב"ם האט געוואוינט, דומים להם. דאס איז אינטערעסאנט, נישט נאר סמוכות, דומים להם, מ'מיינט די קליימעט דארף האבן יענע מאנט. זיי דארפן עס האבן פון זעכציג טעג נאך די תקופה.

אין יוראפ אדער אין אמעריקע איז נישט דא קיין שום ריזן זיך צו פירן מנהג בבל, אבער דער מנהג פון די צייטן פון די ראשונים איז געווען, וויבאלד אונז גייען מיט די תלמוד בבלי, איז זיך צו פירן מנהג בבל, און ממילא איז מען שואל פון שישים יום קודם די תקופה. דער ראש האט געזאגט אז ער האט געפרעגט זיין רבי'ן, ער האט געפרעגט אלע מענטשן פארוואס צו טון אזוי, קיינער האט נישט געוואוסט צו זאגן די תירוץ. ווען דען? ווען מ'דארף, איך ווייס נישט, ווען מ'דארף... פיינד אויט ווען מ'דארף האבן רעגן אין בית אלול. אבער דער ראש זאגט אז אזוי ווי מ'איז געוואוינט טוט אזוי, דער מנהג איז א גוטע זאך.

**מקומות שצריכין גשם בימות החמה**

### Speaker 1:

אקעי, ווייטער, וואס טוט זיך אין פלעצער וואס דארפן האבן גשם אין נוסח חמה? טאקע אזוי איז דארט גוט פאר יענע אקלימים, עס קען זיין א מחלוקת, זאלן זיי זאגן גשם, **"ושואלין צרכיהם בשומע תפילה"**. אבער זיי זאגן נישט אין ברכת השנים, פארוואס? ווייל ברכת השנים גייט מיט די סדר פון די נארמאלע פלעצער, נישט פון די יחידים. עס איז נישט קיין "לא תתגודדו", קיין אגודות אגודות, אלע אידן זאלן דאווענען די זעלבע תפילה. צו וואס? זיי זאלן בעטן אין שומע תפילה.

**דיון: דער ב"ח'ס שיטה**

### Speaker 1:

אבער אין מקומות שאין עושין יום טוב, א מינוט... אזוי זאגט דער... עס איז אינטערעסאנט, מען מעג מאכן אנדערש ווי ארץ ישראל, ווייל "לא שינו את סדרי מצרים" האבן זיי געטון. אבער דא גייט ער ווייטער...

### Speaker 2:

ניין, אבער עס איז אנדערש.

### Speaker 1:

נא, "לא שינו את סדרי מצרים", די זאך וואס מ'שטופט אביסל אפ די התחלה. די התחלה איז געווען...

### Speaker 2:

אבער ווי דו האסט געזאגט, די גאנצע יאר איז דאך שוין נישט.

### Speaker 1:

אבער דו דארפסט אין די זומער רעגן, די זומער איז שוין אן אנדערע זאך.

ער ברענגט אפ א פאני זאך, אז דער ב"ח זאגט אז מ'זאל נישט, פארוואס זאל מען מטריח זיין אין הימל צו מאכן עולמות ליונים, לצורך היחידים. איך פארשטיי נישט וואס דאס מיינט. וואס הייסט גאנץ ארץ ישראל, די גאנצע י"א יום דארף מען בעטן פאר די איין איד? מ'בעט נישט פאר די איין איד, מ'בעט פאר יענע געגנט. איך פארשטיי נישט וואס דער ב"ח זאגט. אזוי ברענגט ער, מ'דארף אריינקוקן אין ב"ח.

דער תורת זאב זאגט טאקע אזוי ווי מיר, ער זאגט ער פארשטייט נישט וואס דער ב"ח האט געוואלט. אבער דער תורת זאב האט געפרעגט... איך זאג נאך נישט וואס שטייט דא אונטן. דער תורת זאב פארשטייט טאקע נישט. ער זאגט, קודם כל, וואס איז די כח היחיד? און צווייטנס, דער אייבערשטער איז דאך א ברוגז אז מ'בעט עפעס וואס מ'דארף? וואס מיינט דאס "מטריח"? דאס איז דאך אן עבודה.

דער ב"ח רעדט פון איינס. דער ב"ח רעדט פון אייראפע. דארט איז געווען אמאל א צורך וואס זאל זיין גשם בחודש חמה, און ער דערציילט א מעשה, אז צוויי גדולים האבן געזאגט "ותן טל ומטר" בשעת תפילה בחודש חמה, און זיי זענען געשטארבן. זאגט ער, פארוואס זענען זיי געשטארבן? ווייל זיי האבן געזאגט "ותן טל ומטר"? זיי זענען מטריח אינגאנצן. ס'איז א טרחה. דאס איז תפילה, מ'דארף דאווענען וואס מ'דארף. איך האב נישט קיין אנונג וואס ער מיינט. עפעס, עפעס, עפעס טעותים אין דער תורה, אין דעם פאל פארשטיי איך נישט. און דער תירוץ אויף דעם פארשטיי איך נישט, איך בין נישט דער וואס פארשטייט נישט. געוועגליך, ווען ס'איז דא א שווערע זאך... אקעי.

#### יום טוב שני של גלויות — מוריד הגשם

### Speaker 1:

לאמיר גיין ווייטער. פארוואס זאג איך די אלע זאכן? סתם, איך פרוביר צו קוקן אין די זייטן וואס די רמ"א זאגט. די רמ"א זאגט אזוי: "יעצט וועלן מיר זאגן וועגן יום טוב שני של גלויות. מוסף של יום ראשון של שמיני עצרת, ומתפללין אותו כל ימות המועד." ס'קומט אויס א וויכטיגע נפקא מינה, אז אין די סידור, אויב מ'האט א יום טוב מחזור פאר שלש רגלים, אויב ס'איז אן ארץ ישראל'דיגע מחזור, דארף מען כמעט נישט ארייגדרוקן דארט "ותן... מוריד הגשם", חוץ אין מוסף. דאס הייסט, ביי שחרית קען מען זיך מאכן שחרית פון... וויאזוי הייסט עס, שחרית פון ערשטן טאג פסח זאגט מען נאך מוריד הגשם, אבער פון מוסף און ווייטער דארף מען בכלל נישט ארייגדרוקן מוריד הגשם, חוץ...

### Speaker 2:

סארי, וואס האב איך געזאגט? אין ארץ ישראל, נאר אין חוץ לארץ.

### Speaker 1:

ניין, אין חוץ לארץ דארף מען יא. ווייל אין חוץ לארץ זאגט מען שוין מוריד הגשם שמחת תורה.

### Speaker 2:

זייער גוט.

#### עשרת ימי תשובה — המלך הקדוש והמלך המשפט

### Speaker 1:

זאגט די רמ"א נאך ספעציפישע דעיטס וואס האבן ספעציפישע צווייפלען. זאגט די רמ"א אזוי: **"כל השנה כולה חותם בברכה שלישית 'האל הקדוש'"**. אין די דריטע ברכה איז די חתימה פון די ברכה "האל הקדוש". און אין די עלפטע ברכה איז **"מלך אוהב צדקה ומשפט"**. אבער דאס טוישט זיך דאך צענטער און יום הכיפורים, וואס מ'חותמ'ט אין די דריטע **"המלך הקדוש"**, און אין די עלפטע **"המלך המשפט"**.

#### דיון: פשט אין "המלך המשפט"

### Speaker 2:

יא, דעם חילוק פון "האל הקדוש" און "המלך הקדוש" פארשטיי איך. דער חילוק פון "מלך אוהב צדקה ומשפט" און "המלך המשפט" האב איך קיינמאל נישט פארשטאנען, און איך פארשטיי עס נאך אלץ נישט. איך האב געזען רבנו יונה האט געזאגט א תירוץ צו זאגן אויף דעם א פשט, איך האב עס נישט פארשטאנען זיין פשט. קענסטו מיר זאגן א פשט?

### Speaker 1:

א גאנץ יאר איז דער אייבערשטער אוהב צדקה ומשפט. און ער וויל אז מענטשן זאלן טון צדקה ומשפט, און ער וויל אז מיר זאלן אויסרעווען זיין משפט.

### Speaker 2:

און ראשונה איז וואס?

### Speaker 1:

ראשונה איז ער אליין טוט משפט.

### Speaker 2:

וואס טייטש "המלך המשפט"?

### Speaker 1:

א שופט דארף זאגן. דער מלך וואס ער אליין טוט משפט. אזוי זאגט דער רבנו מנוח, אזוי ווי דו האסט געזאגט. אבער איך האב נישט געוואוסט וואס איז די טייטש. "המלך המשפט"? א מלך א שופט?

### Speaker 2:

ניין. א מלך עורך משפט.

### Speaker 1:

אקעי.

איך מיין אז די פשוט'ע פשט פון דעם איז אז ס'איז געווען צוויי נוסחאות, און די חכמים האבן געמאכט א הכרעה אז א גאנץ יאר טוט מען אזוי. און "המלך הקדוש" זאגט מען א גאנצע צען טעג, "המלך המשפט" זאגט מען נאר זיבן פון די צען טעג. דער רמב"ם זאגט אין די הלכות עשרת ימי תשובה...

### Speaker 2:

אה, ער זאגט אז ס'איז געווען אין די וואכן. ווייל ראש השנה און יום כיפור זאגט מען עס נישט.

### Speaker 1:

אה, ס'איז נישט אין די וואכן, ס'איז אמת.

#### תוספות בעשרת ימי תשובה — זכרנו, מי כמוך, וכתוב, ובספר חיים

### Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם ווייטער: **"יש מקומות שנהגו בעשרת הימים האלו להוסיף בברכה ראשונה"** — צוצולייגן די תפילה פון **"זכרנו לחיים", "ובשניה 'מי כמוך אב הרחמים'", "ובשמונה עשרה 'וכתוב לחיים'"**.

#### דיון: סתירה מיט'ן רמב"ם'ס כלל

### Speaker 2:

א רגע, דער רמב"ם האט פריער געזאגט אז מ'זאל נישט משנה זיין פון די נוסח התפילה פון וואס חז"ל האבן געזאגט, אבער דא זאגט ער אז אין די מקומות האט מען זיך ערלויבט. איך פארשטיי עס נישט.

### Speaker 1:

ס'קען אויך זיין אז תוספות א גאנץ יאר טאר מען נישט, אבער א געוויסע צייט וואס מ'לייגט צו אפאר ווערטער. ס'קען אויך זיין אז אויף א מסודר'דיגע וועג, אבער אויף אן עראי'דיגע וועג איז עס אקעי. ס'קען זיין אז לכתחילה טוישן מיינט אז דו קומסט און דו מאכסט אן אייגענע נוסח, אבער אז דער ציבור איז עס מקבל און ס'ווערט א נייע מנהג איז נישט קיין פראבלעם.

### Speaker 2:

זייער גוט.

#### וואו זאגט מען "וכתוב לחיים"

### Speaker 1:

אין די אכצנטע ברכה זאגט דער רמב"ם אז מ'לייגט צו **"וכתוב לחיים טובים כל בני בריתך"**. דאס איז "זכרנו לחיים", "מי כמוך אב הרחמים", און "וכתוב לחיים טובים". דאס איז "וכתוב לחיים טובים כל בני בריתך". דאס איז די חתימה.

### Speaker 2:

אה, דאס איז "זכור רחמיך", דאס איז "פארדיכעניש".

### Speaker 1:

יא, אבער ס'איז דאך א תוספת.

### Speaker 2:

יום טוב זאגט מען דאס, "אז יתפרנסו בו בשחרית ובערבית".

### Speaker 1:

פשטות איז דאך אזוי ווי כולם, "זכור רחמיך".

### Speaker 2:

ניין, מ'זאגט נישט "זכור רחמיך". מ'זאגט "וכתוב לחיים טובים כל בני בריתך".

### Speaker 1:

ניין, "זכור רחמיך" זאגט מען פאר "וכתוב".

### Speaker 2:

אין די אכצנטע ברכה, נאך "בכל עת ובכל שעה", זאגט מען "וכתוב לחיים טובים כל בני בריתך". און דערנאך זאגט מען "זכור רחמיך וכבוש כעסך".

### Speaker 1:

יא, ראש השנה, יום כיפור. אבער אין עשרת ימי תשובה זאגט מען עס נאר די ענדע פון... ס'זעט אויס אז דער רמב"ם האט פארשטאנען אז דאס איז בעטן אינדערמיט. אדער אזוי איז געווען זיין נוסח. אויב מ'איז מוסיף אין ברכה אחרונה **"ובספר חיים"**. דער זאגט דאך "יש מקומות", יא? ס'איז נישט א מנהג כל ישראל, ס'איז נישט אזוי ווי די מנהגי כל ישראל אז מ'איז מחויב. אונז זאגן "ובספר חיים" אן א וו, רייט? "ובספר חיים". מ'דארף זען וואס דער רמב"ן'ס "ובספר חיים" איז. לכאורה ווייל ס'איז א המשך פון וואטעווער מ'זאגט דארט "ברכת שלום", "ובספר חיים".

זאגט דער רמב"ן ווייטער, די אלע שטיקלעך, אויב דו ווערסט קומען אריין צו מטבל זיין די נוסח, ס'קאנעקט זיך מיט די נוסח התפילה. אזוי ווי "וזכרנו לחיים", דו קענסט נישט אריינלייגן "וזכרנו לחיים" אין די קאנטעקסט. די אויבערשטע זאך איז "מי כמוך בעל גבורות", "מי כמוך אב הרחמן", וכו' וכו'.

#### ראש השנה ויום כיפור vs. עשרת ימי תשובה

### Speaker 1:

און כאטש "יש מקומות", קען מען נישט קומען משנה זיין להוסיף בעשרת ימי תשובה אין ברכה שלישית "ובספר חיים". אדער "ובספר חיים" אן א וו, און נאכדעם "ובספר חיים צדיקים יראו וישמחו", וואטעווער. אבער ראש השנה ויום כיפורים איז דער מנהג פשוט. דו ווייסט אז מ'זאגט א גאנצע עשרת ימי תשובה דאס, אבער ראש השנה ויום כיפור איז דער מנהג פשוט. איך מיין נישט אז ס'איז א פשוט'ער מנהג, נאר א מנהג וואס איז פשוט געווארן. איך מיין לכאורה בכל ישראל, נישט? מנהג נתפשט. הילכך, אויסער ברכה שלישית, אויב ראש השנה ויום כיפורים קומט אריין, לייגט מען זיכער צו די "ובספר חיים".

### Speaker 2:

ס'איז דא דער וואס האלט אז מ'זאגט עס אפילו אין עשרת ימי תשובה.

### Speaker 1:

איי, גוט, שוין. דער רמב"ן ווען ער זאגט "וכולי" און די אלע זאכן, מיינט ער צו טשעקן בעק פון ספר אהבה, האב איך געזען ער ברענגט מער נוסחאות אלס ראיה. האט ער איבערגעטייטשט אין זיין אייגענעם סידור. ער האט געפונען אז דא שרייבט ער נישט די נוסח התפילה, נאר זאכן וואס זענען אזוי קורץ און מ'דארף זאגן געוועגליך.